## תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# והיה כעץ שתול על פלגי מים

## פרשת וירא




### כיתה ה' (א-ב)

הר"ר משה יוחנן קליין הי"ו
הר"ר שמואל אלטער בנעט הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת וירא

**וירא אליו ה' באלוני ממרא והוא יושב פתח האהל.** יתבאר על פי מה ששנינו במס' אבות (פ"ד מט"ז) ר' יעקב אומר, העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, דהנה כל תכלית האדם בעולמו, להרבות בתורה ובמצוות ובמעשים טובים, והעולם הזה צריך להחשב בעיניו כדירת עראי, וכפרוזדור בפני העולם הבא. וזה שנאמר באברהם, והוא יושב פתח האה"ל, היינו שבכל ימי חייו בעולם הזה נדמה לו כיושב באוהל עראי, והכין את נפשו בתורה ובמצוות ליכנס לטרקלין בעולם הבא, וכן בשרה אמנו נאמר, ויאמרו אליו איה שרה אשתך ויאמר הנה באה"ל, גם אצלה נחשב כל העולם הזה כאוהל עראי נגד העולם הבא.

**(ברך משה)**

**לושי ועשי עוגות.** בדרך צחות י"ל למה באברהם כתיב לושי ועשי "עוגות", ובלוט כתיב "ומצות" אפה, לפי שאז בשעת הבשורה היה תשרי, ושינה הקב"ה את המזלות, ונעשה פתאום ניסן, כדי שיהיה בשורת לידתו שהוא שורש הגאולה בחודש ניסן דייקא, ופתאום נעשה פסח שלא בזמנו, ואם כן לא היה אפשרות להכין מצות בכל ההידורים, שיהיו שמורים בכל השמירות והחומרות, והיה מוכרחים ליקח קמח מן השוק או "מאַשין מצות" וכדומה, ומצות כאלו לא נחשבו בעיני אברהם אבינו למצות על כן קרא להם "עוגות" סתם, אבל לוט שלא הי' מדקדק במצות כל כך, וגם בשאר שנים לא היה רגיל ליקח רק מצות כאלו אצלו נקראו שפיר בשם "מצות".

**(קונטרס חידושי תורה ממרן רביה"ק זי"ע)**

**וישב אברהם אל נעריו ויקמו וילכו יחדו אל באר שבע.** ראוי להתבונן מהו הכוונה באמרו וילכו "יחדו", שהרי בפסוקים הקודמים נאמר שני פעמים וילכו שניהם, ובכל אחד מהם פירש רש"י כוונה מיוחדת, כי בראשונה הי' אברהם יודע שהולך לשחוט בנו, והי' הולך ברצון ובשמחה כיצחק שלא היה מרגיש בדבר, ושוב כאשר א"ל אברהם לעולה בני, אעפ"י שהבין יצחק שהוא הולך להשחט, וילכו שניהם יחדו בלב שוה אבל בפסוק זה לא נתבאר מאומה מה כוונת הכתוב ויקומו וילכו יחדו. ונל"פ כוונה עמוקה במאמר הכתוב וישב אברהם אל נעריו ויקומו וילכו "יחדו", כי לאחר שחזר אברהם אבינו מן העבודה הגדולה והנשגבה אשר פעל במעשה העקידה, ומה גם לאחר שהעיד עליו הקב"ה כי עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה, עם כל זה לא התנשא בקרבו כלל וכלל, וברוב ענוותנותו חשב בנפשו כאילו לא עשה כלום, וז"ש וישב אברהם אל נער"יו ויקומו וילכו יחד"ו, שהחשיב את עצמו במדריגה אחת עם נעריו, המנוערים מן המצות והלך אתם יחדו כאילו היה שוה להם ובשכר זאת הקב"ה זוכר עקידת יצחק לזרעו אחריו עד עולם.

**(ברך משה)**

בס"ד

# מדרשים פון די וואך

## וירא אליו ה'

ווען דער אייבישטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו איז ער געפאלן אויפן פנים אבער פון ווען אברהם האט זיך געמל'ט האט ער גערעדט מיט דער אייבישטער פנים בפנים און ער איז נישט געפאלן אויף די פנים.

## ביקור חולים

פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה מצות ביקור חולים אזוי ווי אויף א מצוה?, נאר די מצוה איז תלוי אין דער וואס גייט באזוכן זיין חבר און ער וואלט געדארפט מאכן די ברכה, נאר ווייל ס'קען זיין אז דער חולה וועט נישט וועלן אנעמען די ביקור איז עס תלוי נישט נאר אין די מבקר נאר אויך אין די חולה וועגן דעם מאכט מען נישט קיין ברכה.

נאך א תירוץ, ווייל די נגוים זענען אויך מקיים די מצוה פון ביקור חולים, אעון מ'מאכט נישט קיין ברכה נאר אויף א מצוה וואס נאר די אידן זענען עס מקיים.

## והוא יושב פתח האהל

אברהם האט קודם געשיקט זיין קנעכט אליעזר צו קוקן אויב ס'איז דא מענטשן וואס מ'קען זיי אריין רופן, אליעזר האט געזאגט פאר אברהם אז ס'איז נישט דא קיין מענטשן, האט אברהם געזאגט אז ער גלייבט נישט קיין קנעכט און ער אליין איז געגאנגען זיצן ביי די טיהר צו זעהן אויב ס'איז טאקע נישט דא קיין מענטשן.

## זעקת סדום ועמורה

די שלעכטע מענטשן פון סדום האבן אפגעשניטן די אלעביימער ארום זייער שטאט אז די עופות זאלן נישט האבן וואס צו עסן.

זיי האבן אויסגעשריגן אז ווער ס'וועט געבן צדקה וועט ווערן פארברענט.

אויך האבן זיי נישט געלאזט רופן פרעמדע מענטשן פון אנדערע שטעט צו זייערע סעודות און שמחות, אויב איינער איז יא געקומען האבן זיי געהאט צוויי בעטן א לאנגע און א קורצע, אויב איז דער גאסט געווען א הויכער מענטש האבן זיי אים

בס"ד

אריין געלייגט אין די קורצע בעט און מ'האט אים אפגעשניטן זיין פוס וואס האט ארויס געשטעקט פון בעט, און אויב איז ער געווען א נידעריגער מענטש האבן זיי אים אריין געלייגט אין די לאנגע בעט און פון די זייטן זענען געשטאנען דריי מענטשן און מ'האט אים געשלעפט פוןביידע זייטן און זיי האבן זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון די קולות וואס ער האט געשריגן פון די יסורים.

לוט האט געהאט א טאכטער וואס האט געהייסן פלטית, זי האט יעדן טאג געגעבן פאר א ארימאן ברויט און זי פלעגט עס אריין לייגן אין א פאס אז קיינער זאל נישט זעהן ווי אזוי זי געבט צדקה פאר די ארימאן, די שלעכטע מענטשן האבן זיך געוואונדערט ווי אזוי דער ארימאן לעבט נאך, האבן זיי געשטעלט דריי מענטשן זאלן באהאלטענערהייט נאכקוקן ווער ס'געבט אים צו עסן, זיי האבן געזעהן ווי אזוי די טאכטער פון לוט לייגט אריין אין א פאס ברויט און זי געבט אים די פאס, האט מען איר פארברענט.

איינמאל האט מען באשטראפט א מיידל וואס האט אויך געגעבן צדקה, מ'האט איהר באשמירט די גאנצע גוף מיט האניג און מ'האט איהר געלייגט אוואו ס'איז דא אסאך בינען און די בינען האבן איהר אויסגעציפט.

אויב איז געקומען א עושר ביי זייער שטאט האבן זיי גערעדט צו אים און צוביסלעך האבן זיי אים צוגעפירט אונטער א וואנט און זיי האבן אראפ געווארפן די וואנט אויף דעם עושר און זיי האבן צוגענומען די גאנצע געלט.

ס'איז געווען דארט א עושר וואס האט מורא געהאט ארויס צו גיין פון זיין שטוב וועגן די שלעכטע מענטשן האבן זיי אים געגעבן א שמן וואס האט א שלעכטע ריח ער זאל עס באהאלטן ביי זיינע אוצרות און ביינאכט האבן די מענטשן זיך אריין גע'גנב'עט ביי זיין שטוב און זיי זענען געגאנגען לויט דעם שלעכטן ריח פון די שמן און אזוי האבן זיי צוגענומען זיין גאנצע געלט.

שרה אמינו פלעגט שיקן אליעזר קיין סדום צו זעהן ווי אזוי פילט זיך לוט, אליעזר האט געזעהן ווי אזוי זיי שלאגן א ארימאן האט אליעזר זיי געשריגן ענק האבן נישט מורא פון דער אייבישטער?, האבן זיי געווארפן שטיינער אויף אליעזר.

ווען די מלאכים זענען געקומען צו לוט האט לוט זיך געמאכט כאילו ער קריגט זיך מיט זיי וויל ער האט מורא געהאט אז די מענטשן וועלן אים הרג'ענען.

– ואנשי סדום רעים וחטאים –